# לויט די קאָרטן (פּיעסע)

## מינדל רינקעוויטש

**צווייטע סצענע**

**די צײַט:** 1965

**דאָס אָרט:** אַ וואַרשעווער גאַס. אַ קאַפֿע אין דרויסן מיט אַ טישל און שטולן.

בעת דער פֿאָרהאַנג הייבט זיך: דאָס ייִנגעלע, ווי דערוואַקסענער, לעבן געבליבענער, אַ טוריסט מיט אַ קאַמערע, שפּאַצירט זיך איבער דער גאַס, קוקט זיך אַרום מיט גרויס אינטערעס. מיט אַמאָל באַווײַזט זיך די צווייטע יונגע ציגײַנערין, גייט שנעל צו צו אים.

צווייטער יונגער ציגײַנערין: **לאָזט זיך פֿאָראויסזאָגן דאָס מזל.**

לעבן געבליבענער: **(שטאַרק איבערראַשט) זע נאָר, די ציגײַנער זײַנען ווידער דאָ! (פּרוּווט זי אַרומנעמען)**

צווייטער יונגער ציגײַנערין: **(דרייט זיך פֿלינק און קונציק אַרויס פֿון זײַנע הענט) איך בעט אײַך זייער! איך בין אַ פֿאַרהייראַטע פֿרוי מיט אַ קינד. איך האָב אײַך בלויז געוואָלט פֿאָרויסזאָגן דאָס מזל.**

לעבן געבליבענער: **איך בין אויך פֿאַרהייראַט. איך האָב זייער אַ פֿײַן ייִנגעלע אין די שטאַטן. איך וויל בלויז מיט אײַך אַ ווײַלע שמועסן.**

צווייטער לעבן געבליבענער: **צו וואָס?**

לעבן געבליבענער: **אַ באַקאַנט פּנים ...**

צווייטע יונגע ציגײַנערין: **איר האָט מיך נאָך קיינמאָל פֿאַר די אויגן ניט געזען.**

לעבן געבליבענער: **איר דערמאָנט מיך אין וועמען.**

צווייטע יונגע ציגײַנערין: **אַזאַ תּירוץ האָט מען שוין געהערט.**

לעבן געבליבענער: **איך מוז מיט אײַך רעדן. (קוקט זיך אַרום.) דערלויבט מיר אײַך צו קויפֿן אַ לאַדע דאָ אין קאַפֿע. איר קענט פֿאָראויסזאָגן מײַן מזל.**

צווייטע יונגע ציגײַנערין: **איך קען ניט גלאַט גיין מיט אײַך. וואָס טראַכט איר?**

לעבן געבליבענער: **איר קענט גאַנץ גוט אויפּפּאַסן אויף זיך.**

צווייטע יונגע ציגײַנערין: **וואָס מיינט איר מיט דעם?**

לעבן געבליבענער: **הערט אויס, מיידל, איר האָט דאָ צו טאָן מיט זייער אַן אַלטן מאַן. איך בין נאָך פֿון פֿאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה. שטעלט אײַך פֿאָר! (ווייך) זאָגט ניט אָפּ.**

צווייטע יונגע ציגײַנערין: (ניט זיכער. ווײַזט אויפֿן קאָפּע.) נו, בלויז ביז דאַנען. בלויז אויף אַ האַלבער שעה.

(זיי זעצן זיך בײַם טישל. דער קעלנער קומט צו און ווײַזט מעניוס.)

לעבן געבליבענער: (צו דער ציגעײַנערין, ווײַזנדיק אויפֿן מעניו) וואָס שמעקט אײַך דאָ?

צווייטע יונגע ציגײַנערין: איך וואָלט געגעסן אַ לאַדע פֿון שאָקאָלאַדע.

לעבן געבליבענער: איר ווילט עפּעס טרינקען צו דעם?

צווייטע יונגע ציגײַנערין: (אַרגרעסיוו) קיין שום אַלקאָהאָל.

לעבן געבליבענער: אַ לאַדע פֿון שאָקאָלאַדע מיט צוויי קאַוועס, זײַט אַזוי גוט.

(קעלנער אָפּ.)

צווייטער יונגע ציגײַנערין: זענט איר, הייסט עס, אַ טוריסט פֿון אַמעריקע?

לעבן געבליבענער: איר זעט דאָך.

(קעלנער ברענגט צו טראָגן טאַץ, סערווירט זיי. קעלנער אָפּ.)

צווייטע יונגע ציגײַנערין: איר זענט אָבער אַ הי געבוירענער. איר רעדט צו גוט פּויליש פֿאַר אַן אַמעריקאַנער.

לעבן געבליבענער: כּדי דאָס צו דערקענען דאַרף מען ניט זײַן קיין וואָרזאָגערין.

צווייטע יונגע ציגײַנערין: איר זענט געקומען צו קרובֿים אויף באַזוך?

לעבן געבליבענער: איך האָב דאָ ניט קיין קרובֿים.

צווייטע יונגע ציגײַנערין: וואָס עפּעס?

לעבן געבליבענער: דער נאָכמלחמהדיקער דור איז, זע איך, אַ ביסל געדיכט.

צווייטע יונגע ציגײַנערין: איר האָט דאָך אָבער געזאָגט אַז איר זענט אַ געבוירענער אין פּוילן.

לעבן געבליבענער: איך האָב דאָ קיינעם ניט. (ציט אויס די הענט צו איר) אפֿשר וועט איר מיר זײַן אַ קרובֿה?

צווייטע יונגע ציגײַנערין: וואָס דאַרפֿט איר אַז איך זאָל זיך מאַכן פֿאַר אײַערע אַ קרובֿה?

לעבן געבליבענער: זי כאַפּט זיך נאָך אַלץ ניט. (פּויזע) לאָמיר פֿירן אַ שמועס וועגן דער צווייטער וועלט-מלחמה.

צווייטע יונגע ציגײַנערין: איר געדענקט עס; איך ניט.

לעבן געבליבענער: אָ, די יוגנט! (פּויזע) זאָגט מיר, איר זענט געבוירן געוואָרן אין וואַרשע?

צווייטע יונגע ציגײַנערין: אַוודאי.

לעבן געבליבענער: איז לאָמיר שמועסן וועגן געוויסע געשעענישן אין אונדזער היימשטאָט בעת דער

צווייטער וועלט-מלחמה.

צווייטע יונגע ציגײַנערין: זיי האָבן געוואָרפֿן מיט באָמבעס ביז עס איז פֿון דעם גאָרניט געבליבן.

לעבן געבליבענער: לאָמיר נאָכאַמאָל פּראָבירן. בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה זײַנען פֿאָרגעקומען צוויי אויפֿשטאַנדן. לאָמיר רעדן וועגן דער ערטשער.

צווייטע יונגע ציגײַנערין: (כאַפּט זיך, שאָקירט) די געטאָ! גאָט מײַנער! וואָס טוט איר דאָ?

לעבן געבליבענער: אָט דאָס האָב איך פּונקט געהאַלטן אין פֿרעגן בײַ אײַך. וואָס זענט איר דאָ צוריקגעקומען? אויף וואָס וואַרט איר? אַז די דריטע וועלט-מלחמה זאָל זיך אָנרוקן און שוין מאַכן צו אײַך אַלעמען אַ סוף?

צווייטע יונגע ציגײַנערין: ערגעץ ווו מוזן מיר דאָך זײַן. בײַ אײַך אין אַמעריקע איז דען דאָס לעבן אויף הונדערט פּראָצענט געזיכערט?

לעבן געבליבענער: קיין אָרט איז ניט אין גאַנצן זיכער. אָבער זיך דאָ אַוועקזעצן! דאָס הייסט, פּאַקטיש, אײַנלאַדן דעם טויט צו זיך אין שטוב אַרײַן. איר האָט דערמאָנט אַ קינד. כאַפּט עס און אַנטלויפֿט. טראָגט זיך אָפּ פֿון אייראָפּע.

צווייטע יונגע ציגײַנערין: כאַפּט עס און אַנטלויפֿט. פּונקט אַזוי. וווהין? וואָס וועט זײַן מיט מײַן משפּחה?

לעבן געבליבענער: איר וועט אַלע קומען קיין אַמעריקע. איך וועל דאָס אַראַנזשירן פֿאַר אײַך.

צווייטע יונגע ציגײַנערין: פֿאַר וואָס זאָלט איר זיך אַזעלכעס אונטערנעמען?

לעבן געבליבענער: איך האָב אויך געהאַט אַ משפּחה. אויף זייער אָרט וויל איך אײַך אָפּראַטעווען. (פּויזע) איך מיין ערנסט.

צווייטע יונגע ציגײַנערין: איך פֿאַרשטיי.

לעבן געבליבענער: נו?

צווייטע יונגע ציגײַנערין: מען פֿאָרט ניט מיט אַ מאָל, גלאַט אַזוי, קיין אַמעריקע.

לעבן געבליבענער: די ציגײַנער זײַנען דאָך באַוועגלעך.

צווייטע יונגע ציגײַנערין: יאָ, מע באַוועגט זיך און מען באַוועגן זיך אין זעלבן פֿאַרקישופֿטן קרײַז. מיר קומען אין ערגעץ ניט אָן.

לעבן געבליבענער: פֿאַר דער מלחמה איז געגאַנגען אַ ווערטל צווישן ייִדן: בלײַבן אין אייראָפּע הייסט זיצן אויף אַ וואָלקאַן. איך מיין אַז איר זיצט נאָך אויפֿן זעלבן וואָלקאַן.

צווייטע יונגע ציגייַנערין: **דער וואָלקאַן האָט שוין אויפֿגעריסן. איצט וועט ער לאַנג רויִק שלאָפֿן.**

לעבן געבליבענער: **פֿון וואַנען ווייסט איר?**

צווייטע יונגע ציגייַנערין: **לויט די קאָרטן. מיר ווייסן.**

לעבן געבליבענער: **איך בין גרייט צוצוגעבן אַז געוויסע זאַכן ווייסט איר דווקא. אַ ציגייַנערין האָט מיר אַמאָל פֿאָראויסגעזאָגט מייַן מזל.**

צווייטע יונגע ציגייַנערין: **וואָס האָט זי אַזעלכעס אַרויסגעזאָגט?**

לעבן געבליבענער: **אַז איך וועל אַלעמען איבערלעבן.**

צווייטע יונגע ציגייַנערין: **זעט מען דאָך.**

לעבן געבליבענער: **ווייַטער האָט זי געזאָגט אַז איך וועל ווערן גאָר אַן אַנדערער.**

צווייטע יונגע ציגייַנערין: **מיט וואָס זענט איר אַזוי אַנדערש געוואָרן?**

לעבן געבליבענער: **איר זעט פֿאַר זיך אַ פֿולשטענדיקן אַמעריקאַנער בירגער. צום אומגליק האָט אין 43טן יאָר ניט געהאַלטן דערבייַ.**

צווייטע יונגע ציגייַנערין: **זעט איר שוין. אויף די קאָרטן קען מען זיך פֿאַרלאָזן.**

לעבן געבליבענער: **נו גוט. לאָמיר אָננעמען אַז מע קען זיך יאָ אויף זיי פֿאַרלאָזן. נאָר טאָמער — חס וחלילה — קלאַפּט עס ניט. טאָמער לייגט איר זיי ניט אויס ווי עס דאַרף צו זייַן. וואָס וועט פֿון אייַך אַלעמען ווערן?**

צווייטע יונגע ציגייַנערין: **מע האָט שוין געטראַכט וועגן דעם. מיר וועלן פֿאַרשווינדן און שוין.**

לעבן געבליבענער: **וווהין?**

צווייטע יונגע ציגייַנערין: **פֿאַרלאָזט זיך אויף אונדז. דאָס איז שוין אונדזער זאַך. הייַנט דאָ — מאָרגן פֿאַרפֿאַלן ווי אין וואַסער — קיין אַדרעס ניט געלאָזט –**

לעבן געבליבענער: **מע ווייסט דאָך וועגן די קאַנאַלן מיט די מאָנאַסטירן. פֿאַראַן וועגן דעם אַ צענדליק פֿילמען. הונדערט ביכער.**

צווייטע יונגע ציגייַנערין: **וועט מען געפֿינען אַן אַנדער וועג.**

לעבן געבליבענער: **איר וועט זיך אויסלערנען ווי נאָך צו לעבן אונטערן וואַסער.**

צווייטע יונגע ציגייַנערין: **(פֿאַרחידושט) וואָס?**

לעבן געבליבענער: **ס׳איז אַזאַ ייִדישער וויץ.**

צווייטע יונגע ציגײַנערין: (מרה-שחורהדיק) ס'איז ניט קיין געלעכטער.

לעבן געבליבענער: ווי אַזוי האָבן אײַערע עלטערן איבערגעלעבט יענע יאָרן?

צווייטע יונגע ציגײַנערין: ווי האָב איך אײַך געזאָגט? זיי האָבן געוווּסט ווי אַזוי ניט צו ווערן.

לעבן געבליבענער: (קורצע פויזע) זאָגט מיר, די עלטערע ציגײַנער רעדן נאָך וועגן דער מלחמה?

צווייטע יונגע ציגײַנערין: (קורצע פויזע) יאָ. (לענגערע פויזע) מען דערמאָנט אײַך.

(לעבן געבליבענער וואַרט מיט אומגעדולד זי זאָל רעדן ווײַטער. אַזוי ווי עס ווערט קלאָר אַז זי האָט ניט בדעה ווײַטער צו רעדן וועגן דעם ענין פּרוּווט ער דאָס בײַ איר אַרויסקריגן)

לעבן געבליבענער: למשל?

צווייטע יונגע ציגײַנערין: (פֿאַמעלעך, ניט זיכער) איר פֿאַרשטייט, אײַער צרה איז געווען וואָס איר האָט צו פֿיל געוואָלט. גרויסע אויגן האָט איר געהאַט.

לעבן געבליבענער: וואָס האָבן מיר אייגנטלעך אַזעלכעס געוואָלט?

צווייטע יונגע ציגײַנערין: (עמפֿאַטיש) וואָס האָט איר דען נ י ט געוואָלט? אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן האָט איר אויך געדאַרפֿט נאָכטאָן. שרײַבן זייערע ביכער! פֿאַרוואַלטן מיט זייערע פֿאַבריקן! ווערן לערער אין זייערע שולן!

לעבן געבליבענער: וואָס איז די עבֿירה?

צווייטע יונגע ציגײַנערין: קיין עבֿירה איז דאָס פּונקט אָבער מען דאַרף האָבן אַ שטיקל געפֿיל פֿאַר דעם וואָס איז רעכט, וואָס שיקט זיך. איר האָט ניט געוווּסט פֿון קיין מאָס. איבעראַל זענט איר געווען: אין טעאַטער, אין די פֿילמען. (איר שטימע דריקט אויס שאָק) איר האָט אַפֿילו געהאַט אַ פּאָר מענטשן אין דער רעגירונג, זאָגט מען.

לעבן געבליבענער: נו, און אַז אַ מינאָריטעט גיט פֿאָרט פֿון זיך אַרויס אַ געוויסן פּראָצענט מענטשן מיט אַ חוש פֿאַר פּאָליטיק צי פֿאַר דער קונסט?

צווייטע יונגע ציגײַנערין: מיר גייט איר דערציילן וועגן דער קונסט? די ציגײַנער זײַנען ווייניק קינסטלער?

לעבן געבליבענער: אויב אַזוי איז דען ניטאָ פֿאַראַן בײַ אײַך דער פֿאַרלאַנג דאָס צו ברענגען צום אויסדרוק?

צווייטע יונגע ציגײַנערין: (אַגרעסיוו) איז ווער לאָזט אונדז ניט? מיר פֿאַרווײַלן זיך גאַנץ פֿײַן צווישן זיך.

לעבן געבליבענער: אויך אין אַנדערע קרײַזן האַלט מען זייער פֿון אײַער מוזיק.

צווייטע יונגע ציגײַנערין: איז אַוודאי גוט. עס גלוסט זיך זיי הערן ציגײַנער מוזיק — מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן – מיר ווייסן אָבער ניט אַרויסצוגיין פֿון די ראַמען. פֿון אַ ציגײַנער בײַם פֿילהאַרמאָניק האָט איר שוין געהערט? (פּויזע) לאָמיר זאָגן אַז דער מאַכער פֿון עפּעס אַ קאָפּע וויל אונדז אָנשטעלן אויף אַ פּאָר וואָכן. פֿײַן. נאָכער נעמט עס זיי שוין ווערן נימאס און ס'איז אויס. איז אויך גוט. פֿאַראַן ווייניק קאָפּעס?

לעבן געבליבענער: אָבער אײַך האָט עס דאָך אויך געטראָפֿן. אַפֿילו מיט די חזירישע קאָפּעס אײַערע...

צווייטע יונגע ציגײַנערין: **אײַך האָט עס געטראָפֿן. אײַך האָבן זיי געמיינט. מיר זײַנען צופֿעליק מיטגעריסן געוואָרן.**

לעבן געבליבענער: **איר באַשולדיקט אונדז אין אײַער אומגליק?**

צווייטע יונגע ציגײַנערין: **(צעמישט) ניין, ניין, פּונקט אַזוי האָב איך דאָך ניט געזאָגט. איך מיין בלויז אַז מיט אײַך האָבן זיי אָנגעהויבן ווײַל פֿון אײַערע זײַנען געווען אַזוי פֿיל...**

לעבן געבליבענער: **(פֿאַרביטערט) צו פֿיל.**

צווייטע יונגע ציגײַנערין: **הערט אויס. איר האָט בײַ מיר געפֿרעגט וואָס מענטשן רעדן, זאָג איך אײַך. מיט מײַן אייגן געפֿיל האָט עס ניט צו טאָן. מײַנעטוועגן מעגט איר אַלע צוריקקומען. וואָלט מען ווייניקער אויף אונדז געקוקט.**

לעבן געבליבענער: **מיר קומען אָבער ניט צוריק און איר וואַרפֿט זיך זייער אין די אויגן.**

צווייטע יונגע ציגײַנערין: **זאָג איך אײַך אַז מיר האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן. לויט די קאָרטן...**

לעבן געבליבענער: **(פֿאַלט איר אַרײַן אין די רייד) ווי האַלטן מיר לויט די קאָרטן?**

**(זי ענטפֿערט ניט)**

לעבן געבליבענער: **איר האָט דאָך מיר געוואָלט פֿאָרויסזאָגן מײַן מזל.**

**(זי נעמט אויסלייגן די קאָרטן, מורמלט עפּעס. מיט אַ מאָל טוט זי זיך אַ טרייסל ווי זי וואָלט געווען שטאַרק שאָקירט.)**

לעבן געבליבענער: **נו?**

צווייטע יונגע ציגײַנערין: **(קווענקלט זיך און שטאַמלט) ס׳איז מיר ניט קלאָר. כ׳וועל נאָך אַ מאָל פּרובירן. (זי פּרוּווט זיך ווידער נעמען צו די קאָרטן)**

לעבן געבליבענער: **(לייגט אַוועק אַ האַנט אויף די קאָרטן) דאָס ניט.**

צווייטע יונגע ציגײַנערין: **(שוין אין גאַנצן זיכער מיט זיך) ס׳איז ניט קלאָר זאָג איך אײַך. אַ רגע בלויז –**

לעבן געבליבענער: **(קרימט זי נאָך) אַ רגע בלויז — אויף אויסצוטראַכטן אַ שיינס – (כאַפּט זי אָן פֿלינק פֿאַר אַ האַנט) כ׳וויל וויסן וואָס אין די קאָרטן שטייט – שוין — איצט —**